גוט שבת אלע אידן. ר' משה אהרן שטערן, דער משגיח פון דער קאמעניצער ישיבה אין ירושלים, האט געלערנט אין ישיבת תורה ודעת אין די מלחמה יארן. נאך די מלחמה, האט ר' משה אהרן געוואלט פארן קיין ארץ ישראל. משה אהרנ'ס עלטערן און זיין רבי רב שרגא פייוועל מענדעלאוויץ ז"ל, האבן מסכים געווען אז ער זאל פארן קיין א"י, און דאן האט משה אהרן געדארפט ערלעדיגען א וועג ווי אזוי צו קענען אריינקומען צו ארץ ישראל. דעמאלט איז געווען פאר די מדינה און די בריטישע זענען געווען אין קאנטראל איבער א"י. די בריטישע האבן נישט געוואלט אריינלאזן אידן אין א"י. אבער, ב"ה, אז דער עסקן ר' אלימלך טרעס ז"ל האט ערלעדיגט א פלאץ פאר משה אהרן.

עס איז אבער געבליבן איין פראבלעם: דער שיף וועט ארויספארן פון ניו דזשערסי אין שבת קודש. משה אהרן איז גלייך געגאנגען פרעגן דעם פוסק ר' משה ביק ז"ל וואס האט דעמאלט געוואוינט אין דעם בראנקס געגענט פון ניו יארק. הרב ביק האט געפסקענט אז וויבאלד אז פארן קיין ארץ ישראל איז א מצוה, זאל משה אהרן ארויפגיין אויף די שיף ערב שבת צו קונה שבות זיין און דאן מעג ער אראפגיין פונעם שיף צו דאווענען מיט א מנין און עסן די שבת סעודות וכו' און דאן מעג ער צוריק ארויפקומען אויף די שיף אין שבת נאכמיטאג. (עיין א"ח רמח:ג הגה) און אזוי איז געשען, משה אהרן און זיין טאטע זענען געווען שבת אין ניו דזשערסי און אין שבת נאכמיטאג איז משה אהרן ארויפגעגאנגען אויף די שיף נאכדעם וואס ער האט זיך געזעגענט פון זיין טאטען.

חוץ משה אהרן זענען געווען נאך עטליכע פרומע אידן אויף די שיף. איינער פון די אידן האט אפילו מיטגעברענגט א ספר תורה! דורך דעם, האבן די אידן געקענט דאווענען מיט מנין און לערנען צוזאמען אויפן לאנגען וועג קיין א"י (עס האט געקענט דאווערן עטליכע וואכן צו פארן אויף א שיף פון אמעריקא קיין א"י).

ב"ה אז די אידן האבן מצליח געווען צו מאכן א גוטן רושם און א גרויסן קידוש ה' פאר דעם גוי'אישען קאפיטאן פונעם שיף, און דאס האט זיי אסאך געהאלפן דורך די נסיעה. למשל, דער קאפיטאן האט באמערקט אז די פרומע אידן עסן נישט מיט די אנדערע מענטשן אויף די שיף. נאר, דער קאפיטאן האט געזען ווי די אידן האבן מיטגעברענגט עסן. דער קאפיטאן האט געזען אז די אידן זענען ערנסט, וועגן דעם האט ער מסכים געווען צו אוועקגעבן איינע פון די קיטשענס פאר די אידן, כדי זיי זאלן עס קענען כשר'ען און ניצן דורך די נסיעה. נישט נאר דאס, אבער דער קאפיטאן האט אפילו געגעבן אלעס וואס מען דארף צו מאכן און באקן פרישע ברויט יעדען טאג! און נאך מער, האט דער קאפיטאן געהייסן אז מען זאל חאפן פיש פאר די פרומע אידן. דורך די אלע זאכן האבן די אידן געקענט זיך פירן כמעט א געהעריגע אידישן לעבן אויף די שיף.

די שיף האט געדארפט מאכן אפאר סטאפס אויפן וועג קיין א"י. ווען די שיף האט זיך אפגעשטעלט אין איינע פון די פלעצער, זענען ארויף אויף די שיף א גרופע אראבער. איין טאג, ווען די שיף איז ארויסגעפארן פון נאפעלס, איטליה, האט משה אהרן געזען ווי די אראבער טאנצען און זינגען ווילדערהייט, אזוי ווי די דרך איז פון יענע פרא אדמס. משה אהרן איז געווארן אביסל באזארגט, ווייל דעם טאנצען פון די אראבער האט נישט אויסגעקוקט ווי סתם טאנצען. משה אהרן האט עס דערציילט פאר זיין חבר יעקב זאב, וואס האט אסאך יארן געוואוינט אין א"י, און האט פארשטאנען די וועגן פון די אראבער. יעקב זאב האט אנגעקוקט די אראבער און געזאגט, "בעפאר זיי גייען ארויס אויף א פוגרום, טאנצען און זינגען זיי אזוי ווילד... מיר זענען אין א גרויסע סכנה!" די צוויי אידן האבן געזען אן אראבער שטייען אויפ'ן זייט, און זיי האבן אים געפרעגט תמימותדיגעהייט "וואס טוט זיך דא?"

דער אראבער האט דערציילט פאר זיי אז די אראבער זענען געווארן אויפגערעגט ווען זיי זענען געוואר געווארן אז די שיף וועט מאכן א סטאפ אין חיפה. יענער אראבער האט דערציילט ווייטער אז צוליב זייער כעס, האבן זיי געקויפט מעסערס און וואפן אין איטליה, און זיי גייען באלד נעמען קאנטראל פון דער שיף און הרג'ענען יעדען איינעם וואס שטייט אין זייער וועג, ווייל זיי ווילן אז די שיף זאל פארן קיין ביירוט!" (אן אראבישע שטאט) משה אהרן און יעקב זאב האבן נישט געגלייבט וואס זיי האבן געהערט.

יעקב זאב איז געגאנגען צו דעם קאפיטאן פון דעם שיף און ער האט אים אלעס דערציילט. דער קאפיטאן האט געוואוסט אז ער וועט גארנישט קענען טון קעגן אזוי סאך אראבער. וועגן דעם האט ער געמאכט א פשרה מיט זיי, די שיף וועט זיך אפשטעלן אין די שטאט אלעקסאנדריע, מצרים, וואו יעדער איינער אפילו די אידן וועלען דארפן אראפגיין. דארט וועט יעדער איינער קענען פארן מיט א באן וואו ער וויל. די אראבער האבן מסכים געווען און דורך דעם זענען זיי בארוהיגט געווארן.

ווען די שיף האט זיך דערנענטערט צו אלעקסאנדריע, האבן די אידן געזען אז עס איז געווארן א נייע פראבלעם. די שיף וועט זיך אפשטעלן שבת נאכמיטאג.

ווען די שיף איז טאקע אנגעקומען שבת, זענען פאליס ארויפגעקומען אויף די שיף כדי צו קענען געבן "וויזעס" פאר אלע מענטשן. די פרומע אידן האבן נישט מסכים געווען צו חתמ'נען אויף די "וויזעס" ווייל עס איז געווען שבת. וועגן דעם האבן די מצריים נישט געלאזט די אידן אראפקומען. אפילו אויב די מצרישע וואלטן געלאזט די אידן אראפקומען, וואלטן זיי נישט געקענט אראפקומען פון דער שיף סיי ווי סיי. ווייל טאמער איינער פארט אויף א שיף און עס קומט נישט אן פאר שבת צו דעם תחום פונעם שטאט, טאר מען נישט שבת אראפקומען פון דער שיף. (עיין א"ח סימן תה)

דער קאפיטאן, וואס איז ביז יעצט געווען אזוי שיין מיט די אידן, איז יעצט אויפגערעגט געווארן. "טאמער איר ווילט נישט אראפגיין פון מיין שיף, וויל איך אייך אלע צוריקברענגען קיין אמעריקא." האט ער געשריגן. דאן האט דער קאפיטאן אנגעווארנט די אידן אז מען גייט יעצט אראפטראגן אלע רענצלעך פון די אידן און אלעס לייגן נעבן די שיף. דארט אין מצרים זענען די אראבער מקיים די פסוק "ידו בכל", ווייל די מדינה איז פיל מיט גנבים. און לכאורה, האט דער קאפיטאן דערציילט פאר די אידן, וועלן אלע זייער זאכן שנעל באגנבעט ווערן דורך די אראבער.

די אידן האבן געענטפערט אז זיי האבן נישט מורא פון קיינעם, און זיי וועלן בשום אופן נישט מחלל שבת זיין, אפילו אויב די אראבער גייען זיי באגנבענען.

די אידן האבן געקוקט ווי אלע זייערע זאכן זענען אראפגעטראגן געווארן און געלייגט נעבן די שיף. באלד דערנאך זענען זיי געגאנגען דאווענען מנחה. מוצאי שבת קודש, האבן זיי געזען אז אלע זייערע רענצלעך זענען נישט דארט געווען. זיי האבן עס מקבל געווען בשמחה, ווייל זיי האבן אלעס געטון לכבוד שבת קודש.

א מינוט אדער צוויי שפעטער איז צוגעקומען דער קאפיטאן צו די אידן און ער האט געזאגט, "אין אמת'ן אריין זענען אייערע זאכן נישט באגנבעט געווארן. נאר וואס? איך האב געהייסן אז מען זאל עס באהאלטן. פאר וואס? איך האב געוואלט אייך פריווען צו זען אויב איר זענט אמת'ע פרומע מענטשן."

"איך מוז זאגן," האט דער קאפיטאן געזאגט ווייטער, "אז איך פאר שוין ארום אויף די ימים פונעם וועלט שוין עטליכע 50 יאר, און אין די לאנגע צייט, האב איך געהאט די געלעגענהייט צו טרעפן אסאך מיני מענטשן פון אלע רעליגיעס. איין זאך האב איך אבער געזען ביי יעדע רעליגיע: יעדער איינער איז "פרום" ביז עס קומט צו געלט, ד"ה אלע אנדערע רעליגיעס וואס איך האב געזען האבן געמאכט פשרות אין זייערע רעליגיעס כדי צו שפארן געלט. אבער איר אידן זענען אנדערש! איר זענט גרייט אוועקצוגעבן אלעס וואס איר האט. איך בין יעצט זיכער אז די איינציגסטע אמת'ע רעליגיע אין די וועלט איז ארטאדאקסישע אידישקייט." די אידן האבן באדאנקט דעם קאפיטאן פאר אלעס וואס ער האט געטון פאר זיי. די אידן האבן געמאכט אזא קידוש ה' און אזא גוטע רושם אויף דעם קאפיטאן, אז דער קאפיטאן האט געגעבן פאר יעדען איינעם $25 צו קויפן דעם טיקעט פאר דעם באן, כדי צו קענען פארן קיין א"י דעם נעקסטען טאג! יארן שפעטער איז משה אהרן שטערן געווארן דער משגיח פון ישיבת קאמעניץ. ער פלעג דערציילן כסדר די מעשה וואס ווייזט אויף א מורא'דיגע אויפן דעם כח פון שמירת שבת.

מיר ליינען וועגן היטן די הייליגע שבת אין די וואכעדיגע סדרה. דער אייבערשטער זאגט פאר אונז אז היטן שבת איז א סימן אז מיר זענען א הייליגע פאלק. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "כי אות הוא ביני וביניכם לדרתיכם לדעת כי אני ה' מקדשכם." (שמות לא, יג) לאמיר אלע נתעורר ווערן צו היטן שבת ווי עס דארף צו זיין. דורך דעם וועלן אלע זען אז מיר זענען טאקע דער אייבערשטער'ס הייליגע און באליבטע פאלק. גוט שבת אלע אידן.

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת אירוסי נכדו ישראל נ"י בן בנו הרה"צ רבי אהרן מענדל שליט"א בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים • לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)